# א גאסט אויף א ווייל זעט א מייל...

**בריוו פון הר"ר ..... שליט"א נאכן דורכליינען די הארציגע דאנק בריוו פון די אלמנות**

# ולב אלמנה ארנין

**באטראכטונגען ארום אינהאלטסרייכע דאנק-בריוו געשריבן דורך אלמנות**

פון די שטורמישע בריוו און נאטיצן וואס פליסן אריין צום "קרן אלמנות ויתומים", וואו ביטערע אלמנות דריקן זיך אויס זייערע אינערליכע דאנקבארקייט געפילן, קומט גלייכצייטיג צום אויבערפלאך די פארצווייפלטע אומשטענדן און ווייטאגן וואס דריקט זיי אויפן הארץ.

דורכליינענדיג הונדערטער אזעלכע בריוון ווערט מען מורא'דיג באוירט ביז די טיפענישן פון א אידישע נשמה, אז מ'באקומט כאטש א טיילווייז בילד וואס עס טוט זיך אפ אינעווייניג אין די צעבראכענע הערצער איבער זייער מצב, וויאויך באקומט מען א שטיקל בילד אריין אין זייער ווירטשאפט, ווי ווייט די אייגנארטיגע שטיצע וואס דער קרן שטעלט צו גייט סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

**ניכרין דברי אמת** – צווישן די שפאלטן פון די בריוון, וואס זענען געשריבן מיט טינט פון בלוט און הארץ, שפיגלט זיך אפ דער אמת'דיגער טיפער באדייט פונעם "קרן", אויף פיל א העכערע מדריגה ווי ס'קוקט אויס פון דערויסן. ס'איז באמת א מצוה רבה דאס ארויסצוברענגען אין די עפענטליכקייט – פארשטייט זיך מיטן גרעסטן כבוד הבריות וואס נאר מעגליך – כדי דורכדעם צו דערהייבן דעם אויסערגעווענליכן חשיבות פון די צדקה וואס ווערט פראקטיצירט דורך קרן אלמנות ויתומים.

די פאלגענדע פונקטן זענען נאר א טייל אבזערוואציעס, צומאל פון איין געוויסן בריוול און צומאל שיינט עס ארויס פון מערערע

ברייוו אין די זעלבע צייט, אבער יעדעס איינע איז פאר זיך א בליטשקענדיגער דיימאנד שטיין אינעם קרוין פון עבודת הצדקה, וואס איז פאר זיך אליין ווערט כל הון דעלמא.

♦ דער **"בדרך כבוד"** אופן וויאזוי די שטיצע ווערט געגעבן, אז מ'קויפט איין וואו מ'וויל אויפן זעלבן וועג ווי יעדע געזונטע משפחה, ווערט שטארק אויסגערימט ווי א זעלטענער שטריך וואס ערלויבט באטרעפענדע משפחות נהנה צו זיין דערפון בלב שלם. עס צייגט זיך ארויס אז ווען נישט דער העכסט-עהרנפולער שטייגער, וואלטן טייל אלמנות נישט געקענט פועל'ן ביי זיך צו געניסן דערפון.

די הנהלת הקרן פון איר שטאנדפונקט טוט אלעס מעגליכס זיך צו פארבינדן מיט אלמנות און אנבאטן הילף, מוהטיגן מ'זאל נעמען, אזש גאר "זיך בעטן" ביי זיי צו אקצעפטירן שטיצע. אבער נישט יעדע איז אזוי שנעל גרייט דערויף, בפרט ווער ס'איז געוואוינט צו א בעל-הבית'יש לעבן, ווי מ'האט קיינמאל פריער נישט גענומען א פרוטה ביי קיינעם.

דער גרעסטער דורכברוך צו געווינען צוטרוי ביי די אלמנות, איז דער אויסנאם געוויכט וואס מ'לייגט צו דערלאנגן די שטיצע מיטן שענסטן כבוד. טייל אלמנות ווערן צו-גערעדט דורך זייערע פריינד/אלמנות וואס דערציילן פון זייער אייגענעם פראקטיק ווי בכבוד'יג מ'ווערט באהאנדעלט. דאס אליין האט "געווינען" פארן קרן צענדליגער משפחות.

♦ די **"הרחבה"** מיט וועלכן מ'העלפט די אלמנות, מ'האלט זיי אין איין פארזיכערן אז זיי קענען רואיג 'איינקויפן' וויפיל זיי דארפן האבן פאר די שטוב-קינדער, וויאויך די חיזוק צו לאדענען חתונה-געהאטע קינדער אויף שבת ויום טוב, האט א געוואלטיגע השפעה לטובה, און עס בויעט אויף די עהרע פון די ערשיטערטע מאמעס אויף אן אומבאגרייפבארן פארנעם.

דורך מוהטיגן אלמנות צו פירן א ברייטע קאך, און רופן פאראייראטע קינדער אויף געסטעריי, באקומען זיי צוריק דעם געפיהל פון א "געהעריגע ווירטשאפט", אן צו דארפן שפארן פאר נישט האבן גענוג געלט צו באצאלן. זיי באקומען דעם געפיהל אז טראץ דעם וואס דער <u>**פריערדיגער קרוין**</u> פון די משפחה <u>**די טאטע**</u> ז"ל איז ליידער אוועק פון די וועלט, איז אבער די <u>**יעצטיגע קרוין**</u> פון די משפחה – <u>**די מאמע**</u> שתחי' – נישט נאר 'געבליבן', נאר בליעט גאר הערליך שיין ווייטער. דאס משפחה לעבן שפרודעלט אין גרויסן.

אויב איז דאס אזוי ביי א געווענליכן שבת, איז עס פילפאכיג מער באדייטענד אויף א יום טוב. אז אן אלמנה האט די מעגליכקייט נישט נאר צו צו-שטעלן פאר דאס קליינווארג זייערע יום טוב'דיגע סעודות, נאר זי קען גאר אריין נעמען די עלטערע קינדער וואס האבן שוין אייגענע משפחות, אויף א גאנץ יום טוב – דאס איז גאר א געוואלטיגער דערהער וואס לאזט איבער א ווייטגרייכענדן און זיסן רושם אויף חדשים שפעטער.

♦ **"פון ענגשאפט צו ברייטקייט"** - געוויסע אלמנות שרייבן קלאר אז צוליב ענגשאפט אין געלט האבן זיי אדער בכלל נישט געקויפט פיש און פלייש, אדער גאר בצמצום מיט גרויס אויסגערעכנטקייט. אנדערע האבן זיך באגענוגט מיט א פושקע טונא פיש, און זיך צוריק געהאלטן פון רופן די אייגענע קינדער, אדער נאנטע קרובים, ברודער שוועסטער, ווייל זיי האבן פשוט נישט געהאט אין שטוב זיי צו מכבד זיין.

ס'איז שרעקליך ארויס צו זאגן, אז ביי טייל משפחות האט ממש געהערשט א פינסטערניש, אין פולן בוכשטעבליכן זין פון ווארט. נאכן צאלן רענט און אנדערע לעבנס-וויכטיגע בילס, איז פשוט נישט געווען פון וואס איינצוקויפן איינפאכע לעבנס-מיטל... אומשולדיגע קינדער זענען געגאנגען שלאפן אויפן

ליידיגן מאגן, צעבראכענע אלמנות האבן פארביסן די ליפן און זיך געשטיקט פון טרערן.

ביז דער קרן האט זיי אויפגעלאכטן די אויגן, און צוגעשטעלט די מעגליכקייט צו קענען סערווירן פיינע געשמאקע סעודות, און נישט-נאר אויסגערעכנט בצמצום – נאר טאקע מיט א שטארקע ברייטקייט. אט דאס גיט פאר'ן גאנצן הויזגעזונד, גרויס ווי קליין, דעם אינערליכן געפיהל אז די שטוב פירט זיך "נארמאל".

בכלל, ווי נאר א מאמע פארשטייט, איז די עצם זאך פון האבן א ברייטע קאך-ווערטשאפט, אַן אויסדרוק פון "בעל הבית'טע'שאפט", וואס גיט פארן מענטש א זעלבסט ווירדע מ'זאל נישט זיין געפאלן ביי זיך אליין, נאר אנגיין מיטן שמחת החיים אויפן בעסטן שטייגער וואס איז מעגליך לויט די ביטערע אומשטענדן.

נישט נאר די מאמעס/אלמנות שפירן דעם פאזיטיוון געפיהל, נאר אויך די קליינע קינדער/יתומים. איין אלמנה שרייבט: נישט גענוג אז מיין קליין אינגל האט נישט קיין טאטי, זאל ער אויך נישט האבן א שטיקל פלייש אין מויל? א צווייטע אלמנה שרייבט וואס איר קליין מיידל האט זיך אויסגעדריקט: איך ווייס אז איך בין א יתומה, אבער ביים עסן שפיר איך עס נישט ווייל מיר האבן אלעס וואס מ'דארף.

♦ די **"דברי ניחומים"** בלאזן אריין א מורא'דיגן חיות און טרייסט אין צעבראכענע שטובער. די עסקנים פונעם "קרן" רופן אן פערזענליך יעדע אלמנה באזונדער, איינמאל און נאכאמאל, ווי מ'שלאגט זיי פאר זיך איינצושרייבן אינעם קרן און געניסן דערפון. די אויסנאם שיינע צוגאנג ווערט ארויסגעברענגט אין בריוו נאך בריוו, אז דאס אליין האט זיי אריין געגאסן א פרייד אין הארץ.

בפרט ווען עס קומען ספעציעלע זמנים, למשל ד' מינים אויף סוכות, א סידור'ל, א פסח ארדער לכבוד יום טוב, איז דאך די שמחה טויזענט מאל אזויפיל, נישט אזוי ווייט פון די מתנה זעלבסט, נאר פון די היימישקייט פון 'זיי אינזין האבן', די ווארימקייט פון די טעלעפאן קאללס, און די הייסקייט פון די בריוו וואס דער קרן שיקט זיי מפעם לפעם.

♦ **די "אידישע אחדות"**, ווי הונדערטער אלמנות זעען אז אידישע קינדער אין יענעם עק וועלט קוקן זיך אום און מאכן זיך צו-טאן פון זייער מצב, איז אן אויסערגעווענליכער טרייסט. ווי-נישט-ווי טראכט דאך יעדע באטרעפענדע אלמנה "וואס וועט זיין מיט מיר? ווער וועט זיך אומקוקן אויף מיינע געברויכן? וויאזוי וועל איך שטעלן ברויט צום טיש? ווער רעדט נאך פון א שמחה, א יום טוב, א סדר-נאכט, א חנוכה צוזאמקום?

איין אייגנארטיגער אלמנה-בריוו שרייבט: איך בין שוין אן אלמנה צענדליגער יארן, און ביז איר האט מיך טעלעפאנירט אנצוטראגן הילף פונעם קרן, האט נאך קיינער נישט, **ק-י-י-נ-ע-ר נ-יש-ט**, אויפגעהויבן א טעלעפאן זיך אינטערסירן וויאזוי איך קום זיך אויס....

און אז אידישע קינדער רחמנים בני רחמנים ווייזן ארויס אהבת ישראל, אויף א שטילן, איידעלן, באשיידענעם, בכבוד'יגן אופן, טאג טעגליך, וואך איין וואך אויס, יאר איין יאר אויס – איז עס א מעכטיגער חיזוק וואס ערלויבט די אלמנות זיך צו האלטן פאזיטיוו, האדעווען זייערע קינדערלעך און אנגיין מיטן לעבן מיטן קאפ ארויף, נישט חס ושלום פארקערט: נידערגעשלאגן, פארווייטאגט, פארלאזט, דערנידערט און פארלוירן.

♦ **"קעגנזייטיגע אפענקייט"**. כמים הפנים לפנים – דאס גיט זיי אויך די מעגליכקייט זיך אויסצורעדן און דורכצורעדן, ווי מ'זעהט איבער די שפאלטן פון פילע בריוו, אז די הארציגע

געפיהלן פון אנגעוויזענקייט און שוועריגקייט קומט ארויס פון פענע צום פאפיר, בעסער געזאגט פון הארץ צום אויער, דורך א די אייגענארטיגע פארבינדונג פון משפחות צום קרן.

טייל אלמנה׳ס געפיהלן זענען צומאל אזוי דערשטיקט, אז ס׳איז בכלל נישטא קיין אפענע פענסטער פון ווי די ווייטאג זאל ארויסרינען, און לייכטער מאכן אויפן הארץ... ס׳עקזיסטירט פשוט נישט אן אפענע פארבינדונג מיט די דערויסענ׳דיגע וועלט דורך וועלכן אירע אייגענארטיגע יסורים קענען זיך בארואיגן און היילן.

אבער ווען דער קרן האט אנגעהויבן טאן איר וואונדערבארע צדקה וחסד, האט זיך בדרך אגב אויפגעמאכט א טיר פון וואו איר ווייטאג קען זיך עטוואס ארויסלאזן און באפרייען די אלמנה פון אירע יסורי הנפש... זי שפירט אז ס׳איז פאראן א סימפאטישער אויער וואס איז גרייט איר צו הערן, מיטן ארויסזאגן אפאר אויפריכטיגע ווערטער ווערט איר לייכטער אויפן געמיהט, און ס׳שיינט אריין א שטראל פון האפענונג אין זייער טונקל לעבן.

♦ **והעולה על כולנה – הטוב כי לא כלו רחמיך.** א גענצליך אומערווארטעטער רעזולטאט פון די תמיכה וואס גוטהארציגע אידן שיקן פאר אלמנות, איז די כסדר׳דיגע לויב און דאנק-ווערטער פאר השי״ת פאר זיינע חסדים, וואס שיינט ארויס פון רוב בריוו. דעם געהויבענעם געפיהל קען מען פשוט נישט שילדערן מיט קיין ווערטער, ביז מ׳זעהט דאס אליין דורך די פעדער פון די משפחות.

**ליינענדיג די בריוו שרייט זיך ארויס פון הארץ: הייליגער באשעפער, מי כעמך ישראל,** אז פרויען וואס מאכן מיט שוידערליכע ענגשאפט אין זייער פערזענליכן מצב, דערצו נאך מיט פולע שטובער-מיט-קינדער און טאג טעגליכע פאדערונגען

פון א גרויסע משפחה אָן דעם ראש המשפחה, און טראָץ דעם לויבן און דאנקן השי"ת "פארן שיקן געטרייע שלוחים אונז צו פארגרינגערן דאס לעבן".

אנשטאט שטענדיג צו באדויערן דעם מצב, מיטשלעפן יעדן ארום זיך מיטן געוויין און צעקלאפטקייט, זיין אומאויפהערליך פעסימיסטיש, - האבן אידן די זכי' צושטאנד צו ברענגן א מצב וואס צעקלאפטע אלמנות טאנצן פאר שמחה, און ברענגן גאר ארויס די חסדים פון אייבערשטן "על כל הטובה ", פאר דעם וואס גוט הארציגע אידן האבן זיי אינזינען, וואס דערין שפירן אלמנות א שליחות דירעקט פון הימל גראד צו זיי – דאס אליין ברענגט השפעות טובות אויף די גאנצע וועלט, און איז מהפך דעם מדת הדין צום מדת הרחמים פאר גאנץ כלל ישראל.

**אט דאס אלעס, חוץ די איינפאכע פיש און פלייש וואס שטראמט אריין פאר אלמנות ויתומים, איז נאך א חלק פון די אומשאצבארע מעלות וואס דער קרן האט, מיט וואס יעדער נדבן האט א דירעקטן שייכות. מ'וואלט אפשר קיינמאל ניטאמאל געוואוסט דערפון, ווען נישט מ'האט די זכי' דאס צו צו-זעהן פון דער נאענט דורך די עבודת הקודש.**

**אשרי לו ואשרי חלקו. וואויל און ליכטיג איז פאר די נדבנים וואס האבן דעם שכל און די זכי' מחזק צו זיין אזא אומגלויבליכע צדקה-אונטערנעמונג ווי "קרן אלמנות ויתומים". עס איז זיכער אז אין הימל ווערן זייערע זכותים אפגעשאצט לטובה ולברכה מיט יעדן טראפן גוטהארציגקייט וואס די צדקה ברענגט ארויס ביי איבער 1,148 אלמנות ויתומים. נאר דער דיין אלמנות ואבי היתומים אליין קען אפשאצן און באצאלן דעם ריכטיגן שכר דערפאר, עין לא ראתה אלוקים זולתך.**